# טרערן

די אויגן פֿאַרצויגן,
פֿון זאָרג און פֿון טרויער.
ניטאָ יענע פֿלאַמען
פֿון פֿרייד און פֿון זון.
פֿאַלן קוואַלן
פֿון טרערן אָן אויפֿהער
און נעמען די גאַנצע וועלט אַרום.

בלוטן הערצער
צעריסן פֿון ווייטיק.
פֿון שרעקלעכע גרוילן
וואָס גליוועט דאָס בלוט.
קינדערשע טרערן
פֿאַלן און פֿאַלן,
מאַמעס וויינען און בעטן צו גאָט.

יאָמערט דער ווינט,
קלאָגן די פֿעלדער,
טײַכן פֿאַרגליווערט פֿון צער.
נאַקעטע ביימער,
קלאָגן און קלאָגן,
און פֿון הימל פֿאַלט אַ טרער.